**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/27/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שליסט זיך אן מיטביידן אדמיניסטראציע'ס אונטערנעמונג צו שטופן פאר גערעכטיגקייט פאר קליינע ביזנעסער אלס טייל פון 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג דורך סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט איניציאטיוו**

***איניציאטיוו פאר אינקלוסיווע ביזנעס שטיצע וועט העלפן ניו יארק'ס סערטיפייד MWBE'ס צו בויען קאפאציטעט, אנדעקן פינאנצירונג אפציעס און פארזיכערן צוטריט צו אינוועסטירונגען פאר וואוקס***

***פאלגט נאך 501.6 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע אינוועסטירונג צו שטיצן ערהוילונג פון קליינע ביזנעסער נאכגעפאלגנדיג די פאנדעמיע און העלפן ביזנעסער פון מענטשן וואס האבן היסטאריש געהאט שוועריגקייטן צו מצליח זיין אין עקאנאמיע ארויסקומענדיג פון די פאנדעמיע***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטיצן ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען אין ניו יארק סטעיט***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק וועט זיך באטייליגן אין די פעדעראלע איניציאטיוו פאר אינקלוסיווע ביזנעס שטיצע (Initiative for Inclusive Entrepreneurship), א נאציאנאלע אונטערנעמונג אנגעפירט דורך די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפארטמענט צו אויסברייטערן צוטריט צו אינוועסטירונג געלטער פאר קליינע ביזנעסער אין אייגנטום פון מענטשן מיט געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע שוועריגקייטן ( socially and economically disadvantaged individuals, SEDI). אנאנסירט אין אקטאבער 2022 דורך וויצע פרעזידענט קאמאלא העריס — ציהלט די איניציאטיוו פאר אינקלוסיווע ביזנעס שטיצע צו העלפן קליינע ביזנעסער אין אייגנטום פון מענטשן וואס קומען פון היסטאריש-שוואכערע באפעלקערונגען און צו פארזיכערן די גערעכטע איינפירונג פון די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפארטמענט'ס 10 ביליאן דאלארדיגע 'סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט איניציאטיוו' (State Small Business Credit Initiative, SBCI) פון וואס ניו יארק האט באקומען מער פון 500 מיליאן דאלאר. די איניציאטיוו – וואס זוכט צו העלפן ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען (Minority- and Women-Owned Business Enterprises, MWBE) זיך צו פארזיכערן אינוועסטירונג געלטער פאר וואוקס און צו שליסן גרעסערע קאנטראקטן – ערגענצט גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטיצן MWBE'ס אריבער ניו יארק סטעיט.

"ניו יארק'ס ביזנעס לאנדשאפט מוז אפשפיגלען די פארשידנארטיגקייט פון אונזער סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט צו העלפן אראפברעכן די סיסטעמישע מויערן וואס ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען שטייען אויס, און מיט די שותפות פון די ביידן אדמיניסטראציע, קענען מיר זיכער מאכן אז אלע ביזנעסער האבן די גלעגנהייט צו בליהען אין ניו יארק סטעיט."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "דער פעדעראלער SSBCI פּראגראם איז א וויכטיגע כלי צו העלפן זיכער מאכן אז אלע פון ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער האבן די כלים וואס זיי דארפן צו מצליח זיין. צוטריט צו אינוועסטירונג געלטער און טרענירונג גיבן פאר ביזנעסער די מעגליכקייט צו וואקסן און בליהען, און מיר זענען שטאלץ צו זיין איינס פון נאר אכט סטעיטס וואס זענען אויסדערוועהלט געווארן זיך צו באטייליגן אין די אינציאטיוו פאר אינקלוסיווע ביזנעס שטיצע און אזוי אויך צו אריינגיין אין א שותפות מיט Founders First צו איבערייטערן די מעגליכקייטן פון ביזנעסער אין SEDI אייגנטום אין ניו יארק סטעיט."

**CEO, פּארזיצערין און גרונדערין פון Founders First Capital Partners, קים פּאלסאם, האט געזאגט,** "אלס איינע פון די פּירער פון די אינציאטיוו פאר אינקלוסיווע ביזנעס שטיצע, האט Founders First Capital Partners געעפנט דעם 'נייע סארטן פינאנצירונג פאר סופּלייערס פּראגראם' (Supplier Innovative Finance Program) אין שטיצע פון די סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו. די מיסיע פון דעם פּראגראם איז צו ווייזן די וועג פאר קליינע, סערטיפייד סופּלייערס דורך אן ערפארונג וואס וועט פארגרעסערן זייער קאפּאציטעט, פארמערן זייער באקאנטשאפט מיט נייע סארטן הלוואות און אינוועסטירונג געלטער. די געלעגנהייט מיט עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט שטיצע די וואוקס פון די צוזאמענארבעטנדע גרופּע פון שותפים וואס איז קריטיש פאר קליינע סופּלייערס צו קענען ווירקזאמערהייט פארזיכערן אינוועסטירונג געלטער פאר זייער וואוקס."

עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development, ESD) איז אריין אין א שותפות מיט Founders First Capital Partners וועלכע וועלן נוצן א סעריע פון ווידעאוס וואס קענען אויפגעשפּילט ווערן אין יעדע צייט דורך זייער 'פּאספּארט פאר פינאנצירונג' (Passport for Funding) קלאסן פּראגראם, אויסגעשטעלט צו העלפן פירמעס אין SEDI אייגנטום צו פארשטיין און זיך שטארקן איבער פארשפּרייטע שטרויכלונגען וואס שטערן פון זיין גרייט צו באקומען פינאנצירונג. אין צוגאב, וועט אן ארומנעמיגע אפּשאצונג דורכגעפירט ווערן אויף די אנטיילנעמנדע MWBE, און געוואנדן אויף די באדערפענישן פון יעדע פירמע, וועלן זיי צוזאמגעפּארט ווערן מיט אן אנטיילנעמנדע CDFI כדי זיי זאלן קענען גרינגער צוקומען צו די סטעיט'ס SSBCI הלוואות פּראגראמען. די ווידעאו קלאסן וועלן צוגרייטן די ביזנעסער צו וואקסן און צו אויפטרייבן געלטער דורכן זיי אויפקלערן איבער די פּאטענציאלע גרובער וואס פארמיידן די מעגליכקייט צו פינאנצירט ווערן. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט https://funding.foundersfirstcapitalpartners.com/nyesd-sifp.

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט שטייט ניו יארק סטעיט אין שפּיץ פונעם מיט א 32.3 פּראצענטיגע ראטע פון זיך באנוצן מיט MWBE'ס אין סטעיט קאנטראקטן. כמעט 3 ביליאן דאלאר אין סטעיט קאנטראקטן זענען געשאנקען געווארן פאר MWBE פירמעס דורכאויס די פיסקאלע יאר 2023, און כמעט 29 ביליאן דאלאר אין סטעיט קאנטראקטן זענען שוין געשאנקען געווארן פאר MWBE'ס זינט 2011. אין צוגאב, האבן די מיטלען וואס זענען צוגעשטעלט געווארן דורך גאווערנער האקול אין די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 ערלויבט פאר ESD זיך צו אפּגעבן מיט די ריזיגע אנגעזאמלטע הויפן פון סערטיפיקאציע אפּליקאציעס וואס וואלט אנדערש געקענט נעמען אזוי לאנג ווי 499 טעג. צו לערנען מער איבערן ווערן סערטיפייד אלס אן MWBE, באזוכט https://esd.ny.gov/doing-business-ny/mwbe.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאָק שומער האט געזאגט,** "איך האב געקעמפט צו אריינלייגן גרויסע געלטער פאר די סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו אין מיין 'אמעריקאנער רעטונג פּלאן' וואס האט אהערגעשטעלט מער פון 500 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער. יעצט טוהען פעדעראלע געלטער שטיצן וויכטיגע פּראגראמען, ווי די 'אינציאטיוו פאר אינקלוסיווע ביזנעס שטיצע', וואס מאכט זיכער אז קליינע און אפּגעשוואכטע ביזנעסער אריבער די עמפּייער סטעיט קענען צוריק אויפבויען אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס, אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס און פארשטערקערן

אונזערע סופליי טשעינס אינעם לאנד — דאס אלעס בשעת'ן שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס און אראפנידערן די קאסטן אין קאמיוניטיס וואס דארפן דאס די מערסטע. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר שותפות ביים אויפבויען די סטעיט'ס קליינע ביזנעסער און מעניופעקטשורינג באזע, און איך פארשפרעך צו פארזעצן צו אהערשטעלן פעדעראלע הילף פאר ניו יארק כדי צו אריינטרייבן אונזער עקאנאמיע אריין אין די צוקונפט."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "די אנאנס אז ניו יארק וועט זיך באטייליגן אין די פעדעראלע אינציאטיוו פאר אינקלוסיווע ביזנעס שטיצע איז געוואלדיג גוטע נייעס. עס איז א קריטישער פראגראם וואס וועט העלפן קליינע ביזנעס אייגנטימער וואז ענען געזעלשאפטליך און עקאנאמיש שוואכער צו באקומען צוטריט צו קריטישע הילפס-מיטלען. איך בין שטאלץ צו שטיצע גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטופן פאר גערעכטיגקייט פאר קליינע ביזנעסער, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו אהערשטעלן פעדעראלע מיטלען פאר ניו יארק'ס ביזנעס אייגנטימער."

**קאנגרעספרוי ניידיע וועלאסקעז האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסער זענען יד רוקן ביין פון אונזער עקאנאמיע אין ניו יארק און אריבער דאס לאנד. צום באדויער ווייזן די ציפערן איבער הלוואות אויף אן איינהייטליכן אופן אז ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן מוטשענען זיך צו צוקומען צו די געלטער וואס זיי דארפן צו קענען בליהען. ניו יארק'ס באטייליגונג אין די אינציאטיוו פאר אינקלוסיווע ביזנעס שטיצע וועט העלפן פארמערן שטיצע פאר ביזנעסלייט וואס זענען געזעלשאפטליך און עקאנאמיש שוואכער אין אונזער סטעיט און פארזיכערן די גערעכטע איינפירונג פון די היסטארישע סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו."

**איבער ניו יארק סטעיט'ס סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו**

מער פון 500 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג איז שוין צוגעטיילט געווארן צו שטיצן די ווידער-אויפשטייג פון קליינע ביזנעסער אריבער ניו יארק סטעיט דורך די 'סטעיט קליינע ביזנעס קרעדיט אינציאטיוו' (Small Business Credit Initiative, SSBCI) א פראגראם ערמעגליכט דורך דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ' (American Rescue Plan Act). די SSBCI, אונטער אויפזיכט פון די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפארטמענט, שטעלט צו געלטער צו שטיצן פראגראמען פאר קליינע ביזנעסער, אריינרעכענענדיג ביזנעסער אין אייגנטום פון געזעלשאפטליך- און עקאנאמיש-שוואכערע מענטשן (socially and economically disadvantaged individual, SEDI) און גאר קליינע ביזנעסער (very small businesses, VSB) זיך צו ערהוילן פון די עקאנאמישע נאכווייען פון קאוויד-19 און זיי צו גיבן די געלעגנהייט צו מצליח זיין אין די עקאנאמיע ארויסקומענדיג פון די פאנדעמיע. מיט די געלטער האט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) אהערגעשטעלט א רייע פון אינוועסטירונג געלטער צוטריט און גלייכקייט פראגראמען צו ארויסהעלפן ניו יארק סטעיט קליינע ביזנעסער צו וואקסן און מצליח זיין. לערנט איבער די פאלגנדע SSBCI פראגראמען וועלכע עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט אויפגעשטעלט אויף esd.ny.gov/ssbci.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן